אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**ספּינאָזאַ • Spinoza**

by **Melekh Ravitsh**, translation by Lazer Lederhendler

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (February 2022)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/spinoza]

# ספינאָזאַ

# Spinoza

Melekh Ravitsh
translated by Lazer Lederhendler

**Introduction:** The "Spinoza" story is drawn from the second volume of *Dos Mayse-Bukh Fun Mayn Lebn*, the memoirs of Zakharye-Khone Bergner, better known as Melekh Ravitsh (1893-1976). Ravitsh was born in Redim (Rodymno), a town in Eastern Galicia, then part of the Austro-Hungarian Empire. He later moved to Vienna and eventually to Warsaw, which he called home until 1934, when he left Poland for good. In 1941, after traveling widely, Ravitsh settled in Montreal, where he wrote the three volumes of his Mayse-bukh.

Volume Two covers the years 1908-1921 and includes an account of how, in the wake of the momentous 1908 Czernowitz Conference, Ravitsh found both his pen name and his vocation as a Yiddish writer. His literary career was just beginning when World War I broke out, and Ravitsh spent three years as a soldier in the Austrian army. It was during, in his words, "that first mass murder," that he — like numerous intellectuals before and after him — became enthralled by the philosophy of Baruch Spinoza. Galvanized by his readings, of the *Ethics* in particular, Ravitsh began to compose what would become his third book of poetry, *Spinoza* (published in 1918). Some fifty years on, he shaped this episode into a story of how those poems came to be written. But there is clearly more to it than that.

Generally identified, and self-identified, as a poet first and foremost, Ravitsh was also a prolific prose writer of impressive range and artistry. The "Spinoza" story offers a prime demonstration of his abilities as a storyteller, portraitist, and stylist. Concision, a vivid sense of place and time, a smooth blend of humor, drama, and irony: Ravitch skillfully deploys such narrative devices — in many ways reminiscent of Chekhov — to engage the reader in the quest at the heart of the story, a young man's search for absolute truths.

The immediate outcome of that quest was, of course, a collection of poems. Accordingly, Ravitsh ends the "Spinoza" chapter on a triumphant note, implicitly inviting the reader

to turn (or return) to his book *Spinoza*. I took up the invitation. Reading the poems allowed me to better understand the transformative impact of Spinoza's life and works on Ravitsh's own life and writings, which so often evince a fully embodied sense of the immanence of the divine. By way of example, here is the final verse of the poem "In likht" (my translation), where Ravitsh addresses Spinoza directly:

> From the light of your words there remains
> A golden shimmer on the garment of my soul,
> And from your books, timedust
> Rises up when I open them,
> Later to shimmer vibrant-golden
> Down upon my poems,
> The dust steeped in light,
> A mist of light
> On my poems' ceaseless praise
> For you.

# Spinoza

I had a cousin named Itzik, the son of my mother's sister Leytshe and her second husband Hersh-Wolf. Endowed with every virtue, Itzik was kind and handsome, clever and cultured, a man of many talents. He had studied law and became well known as a defense lawyer in cases brought by the Polish government against the leaders of left-wing organizations. Itzik Gut-Rosenblat was an outstanding orator. But he was also a fabulist, and here and there he would throw in a story that bore no relation to reality. Yet he would stand stubbornly by his claim and marshal a hundred-and-one arguments to support it. He was a first-class dialectician, and could invoke a mass of evidence to prove that some patently unkosher thing was actually kosher. Itzik also devoured books and was well-versed in world literature. The whole family loved Itzik but took his assertions with a grain of salt. His casual attitude toward the truth ultimately cost him the right to practice law and drove him to seek refuge in drink.

In the middle of the First World War, Itzik, a year my senior and already an officer, was wounded at the front. He was in Vienna while I was on a short leave there. We talked and talked endlessly. I was seeking some consolation in the midst of that first mass murder. I had long been a vegetarian, but that alone afforded me no spiritual solace. The Old and New Testaments, the Koran, and the sacred books of Buddhism, which I carried around with me at the time, were scarce comfort. So I turned to Itzik: "You are familiar with the books and great works of the world. Give me a book that will be the alpha and omega of all books, a book to live and to die by." Itzik launched into a long, eloquent disquisition on a mysterious book possessing the very qualities I sought, one that for many years had been his great book of consolation. The more I hung on his words, the more he drew me in—that was his way. I let my imagination run free, and before my eyes a sort of secret book took shape: the Book of Books. But when Itzik saw that he had brought me to the peak of suspense and that, heaven forbid, he might have gone too far and I might conclude that this supreme Book of Books was a mere fabrication, he said: "It's Benedict Spinoza's *Ethics*." I was bitterly disappointed, as I had once attempted to read this book only to give up midway. But Itzik insisted, "Go back and read it again. Read it even if you have trouble understanding the beginning. After a few dozen pages you'll find it reads like a novel, and you'll see that I'm right. It is the Book of Truth." Coming from Itzik, this paean on the Book of Truth sounded strange. But I did as he said.

I bought myself the inexpensive compact German edition of the *Ethics* and later the other five pocket-sized volumes of Spinoza's works published by Reclam Verlag. I still have them today. I never parted with those little books; they were my companions in dozens of countries and on the seven seas, which I sailed for nearly a year , and through all of life's storms, great and small. *The* book of consolation.

Shortly after my conversation with Itzik I was transferred to the 45th Howitzer

Regiment. On the one hand there were the peasants, giants adept at handling the huge black artillery horses, and on the other hand the students, tasked with operating the howitzers' intricate computing mechanisms so they wouldn't be lobbing shells every which way. At first, however, we remained in the barracks, still in training. Time was short, the war was raging, and military instruction, which in peacetime took years to acquire, now had to be crammed into our heads in a matter of weeks. I took advantage of every free moment to read the *Ethics*. Itzik was right. It really was the Book of Truth. Much of what Itzik used to say did not add up. But his statement about this being the book of ultimate truth—that much was true.

On Saturday afternoons we would clean the barracks. This took quite a few hours, right up to the evening roll-call. But soldiers who volunteered to clean out the cesspits by the stables and next to the barracks—or for even worse jobs—were dismissed as soon as the task was done. You could earn two or three free hours that way. Every Saturday afternoon, the instant the corporal summoned the volunteers, a handful of lazy slobs craving a few more hours on the pallet would step forward, along with the thin, dark-haired fellow who wanted to use those same few hours to plunge into Spinoza's *Ethics*. The moment the dark-haired fellow stepped forward to join the slobs, laughter would burst out from the company like a cannon shot. Still, there was no other time to read the *Ethics*, and it had to be read. It just had to.

This was when the first of my "Spinoza" poems were written.

Time passed. The field artillery regiment went off to the battlefield. The Spinoza reader soon had his foot run over, as it happened, by the wheel of a field gun. He was transferred back to his previous infantry regiment and spent many months in a convalescent home. His regiment was then stationed in Szombathely (Steinamanger in German), the Hungarian city with myriad Catholic churches. For a time he worked twelve hours a day in a regimental administrative office. He had finished reading the *Ethics* long ago, as well as Spinoza's other works, and was immersed in composing a series of poems: "Spinoza." There was noise all around. A quiet corner was nowhere to be found, and writing the Spinoza poems demanded absolute calm and concentration. I spent my few free evening hours roaming around the devoutly Catholic city, looking for somewhere quiet. I soon discovered that Catholic churches were always open and, because they were so numerous, rather empty as well. And rather dark. I entered one, genuflected, and saw that every station in the church had a small lectern where a man could write in peace. From then on I knelt each day for an hour or two, mumbling a little under my breath whenever someone looked at me, and when the church was empty, I wrote. Once, while I was absorbed in this work, a soft-spoken, ascetic priest noticed me and came over. I told him I was writing prayers for myself and that, being Jewish, I was writing them in my language—Yiddish. He tolerated me and even helped me find a spot where the light was better.

So it was that the church voices of Szombathely, the twilight tolling of the bells, and the wintry afternoon sun entered the "Spinoza" poems, as did the faces of the consumptive

patients in my regiment's infirmary—Spinoza, too, had suffered from consumption.

Mid-November 1918 saw the collapse of the European constellation that had existed before the First World War, and on the horizon the morning star of the weary world appeared, bright with hope for the ever-returning messiah whose name is Revolution. And on just such a morning, more precisely at dawn, by the light of the morning star, a demobilized soldier returned home carrying in his rucksack "Spinoza," a poem written at the price of countless hours cleaning out the latrines in a Cracow barracks and countless hours kneeling in a Szombathely Catholic church.

# ספּינאָזאַ

איך האָב געהאַט אַ קוזין, אַ זון פֿון מײַן מאַמעס שוועסטער לייטשע און איר צווייטן מאַן הערש־וואָלף — איציק האָט ער געהייסן, און ער האָט געהאַט אַלע מעלות. ער איז געווען גוט און שיין און קלוג און פֿעיִק צו אַלץ און געבילדעט, ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ און איז געוואָרן זייער באַקאַנט אַלס אַדוואָקאַט און פֿאַרטיידיקער פֿון פּראָצעסן, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט פֿאַרפֿירט קעגן די אָנפֿירערס פֿון לינקע גרופּירונגען. איציק גוט־ראָזענבלאַט איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. נאָר איציק איז אויך געווען אַ פֿאַנטאַזיאָר און דאָ און דאָרט פֿלעגט ער אַרײַנוואַרפֿן אַ מעשׂה, וואָס האָט אין גאַנצן נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט, אָבער ער פֿלעגט באַהויפּטן שטאָל און אײַזן, און ברענגען הונדערט און איינס באַווײַזן, אַז עס איז דווקא אַזוי. און אַ דיאַלעקטיקער איז ער געווען אַן ערשטקלאַסיקער, געקענט מטהר זײַן אַ שרץ בק״ן מאָל ק״ן טעמים. איציק האָט אויך געשלונגען ביכער און איז געווען באַהאַוונט אין אַלע ליטעראַטורן פֿון דער וועלט. די גאַנצע משפּחה האָט איציקן ליב געהאַט, נאָר פֿלעגט זײַנע באַהויפּטונגען אויפֿנעמען רעזערווירט. זײַן לײַכטע באַציִונג צום אמת האָט אים סוף־כּל־סוף דערפֿירט צום פֿאַרלירן דאָס רעכט אויף אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק און צום זוכן טרייסט אין כּוס מיט דעם ביטערן טראָפּן.

און אָט אין ווין — מיטן אין ערשטן וועלטקריג, איציק שוין אַן אָפֿיציר. איציק איז געווען אַ יאָר עלטער פֿון מיר. איצט — אַ פֿאַרוווּנדעטער פֿון פֿראָנט. איך — אויף אַ קורצן אורלויב. מיר רעדן, רעדן, רעדן אָן אַ סוף. און איך — זוך אַ טרייסט אין דער צײַט פֿון ערשטן פֿעלקערמאָרד. אַ וועגעטאַריער בין איך שוין לאַנג געווען, אָבער דאָס אַליין גיט נישט קיין נשמה־טרייסט. און אויך דער אַלטער און נײַער טעסטאַמענט און דער קאָראַן און די ביכער מיט דער בודיסטישער תּורה — מיט וועלכע איך האָב מיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן — קנאַפּע טרייסט. און איך בעט איציקן: דו ביסט דאָך באַהאַוונט אין אַלע ביכער און ספֿרים פֿון דער וועלט — גיב מיר אַזאַ בוך, וואָס זאָל זײַן דאָס ערשטע און לעצטע פֿון אַלע, אַ בוך, מיט וועלכן מען קען לעבן און אויך שטאַרבן. און איציק האַלט אַ לאַנגע, הערלעך געשליפֿענע רעדע וועגן אַ מיסטעריעזן בוך אַזאַ, וואָס האָט די אַלע מעלות, און וואָס איז שוין פֿון לאַנג זײַן גרויס טרייסטבוך. און וואָס מער איך בין געשפּאַנט — אַלץ מער ציט ער מיך אָן... אַזוי איז געווען זײַן טבֿע. מײַן פֿאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט, פֿאַר מײַנע אויגן האָב איך געזען עפּעס אַ מין סודותדיקן ספֿר־ספֿרי־הספֿרים... און אַז איציק האָט געזען, אַז ער איז שוין מיט מײַן שפּאַנונג בײַם זעניט און ער קען, חלילה, דערגרייכן אַ פֿאַרקערטע ווירקונג, ווײַל איך וועל מיינען, אַז ער האָט זיך אָט דעם ספֿר־הספֿרים מכּל ספֿרי־הספֿרים פּשוט אויספֿאַנטאַזירט, האָט ער אויסגעזאָגט: עס איז די „עטיק“ פֿון בענעדיקט ספּינאָזאַ... איך בין געוואָרן מוראדיק אַנטוישט... נאָך מער, ווײַל איך האָב שוין געפּרוּווט דאָס בוך אַ מאָל צו לייענען און עס איבערגעלאָזט אין מיטן. און איציק זאָגט: הייב אָן נאָך אַ מאָל — לייען — אויב דו וועסט אַפֿילו שווער פֿאַרשטיין דעם אָנהייב. נאָך צוויי צענדליק בלעטלעך וועסטו עס לייענען גרינג ווי אַ ראָמאַן — און דו וועסט זען, אַז איך בין גערעכט. עס איז **דאָס בוך פֿון אמת**... אין איציקס מויל, דאָס לויבליד אויף דעם בוך פֿון **אמת** האָט געקלונגען מאָדנע. אָבער איך האָב געפֿאָלגט.

איך האָב מיר געקויפֿט די קליינע רעקלאַמע־אויסגאַבע (אין דײַטש) פֿון ספּינאָזאַס „עטיק“, שפּעטער אַלע איבעריקע פֿינף ביכלעך, וואָס זענען דאָ אין דער ביליקער רעקלאַמע־אויסגאַבע — און איך האָב נאָך די ביכלעך ביז הײַנט. איך האָב מיך מיט די ביכלעך קיין מאָל נישט געשיידט. זיי זענען מיט מיר מיטגעווען אין פֿיל צענדליקער לענדער, און כּמעט אַ יאָר, אין סך־הכּל, אויף אַלע ימים — און אַזוי אין אַלע קליינע און גרויסע שטורעמס פֿון לעבן... **דאָס** טרייסטבוך.

אַ קורצע צײַט נאָך דעם שמועס מיט איציקן בין איך טראַנספֿערירט געוואָרן צום 45סטן הויביצן־רעגימענט. פֿון איין זײַט פּויערים, ריזן, באַהאַוונטע אומצוגיין מיט פֿערד, שווערע, שוואַרצע אַרטילעריע־פֿערד. פֿון דער אַנדערער זײַט — סטודענטן, וואָס האָבן געדאַרפֿט באַדינען די קאָמפּליצירטע רעכן־אַפּאַראַטן פֿון די הויביצן גופֿא

— כּדי נישט צו שיסן סתּם אין דער וועלט אַרײַן. דערװײַל אָבער זענען מיר נאָך געװען אין קאַזאַרמע און נאָך געלערנט. צײַט איז געװען װײניק. די מלחמה איז געװען אין מיטן ברען און מיליטערישע תּורות װאָס פֿלעגן אין שלום־צײַט דויערן יאָרן, האָבן איצט געדאַרפֿט אַרײַנגעפּאַקט װערן אין מוח אין פֿאַרלויף פֿון װאָכן. איך האָב אויסגענוצט יעדע פֿרײַע מינוט פֿאַר לייענען די „עטיק“. איציק איז געװען גערעכט. עס איז טאַקע דאָס בוך פֿון אמת. אַ סך זאַכן, װאָס איציק פֿלעגט זאָגן — האָבן נישט געשטימט. אָבער זײַן באַהויפּטונג װעגן דעם בוך פֿון לעצטן אמת — איז אמת.

יעדן שבת נאָך מיטאָג פֿלעגט מען רייניקן די באַראַקן. די אַרבעט פֿלעגט דויערן אַ היפּשע פּאָר שעה — ביז צום אָוונט־אַפּעל. אָבער — יענע סאָלדאַטן, װאָס האָבן זיך פֿרײַװיליק געמעלדעט צום רייניקן די מיסטגריבער בײַ די שטאַלן און די מיסטגריבער בײַ די באַראַקן — און אַפֿילו נאָך עפּעס ערגערס... — פֿלעגט מען באַפֿרײַען אַזוי גיך די אַרבעט איז פֿאַרטיק געװאָרן. די דאָזיקע אַרבעט פֿלעגט אַרײַנטראָגן אַ רווח פֿון צװײ־דרײַ שעה. און אַזוי גיך דער קאַפּראַל פֿלעגט אַרויסרופֿן די פֿרײַװיליקע רייניקער פֿון די מיסטגריבער, יעדן שבת נאָך מיטאָג, זענען „אויסגעטרעטן“ עטלעכע פֿוילע „זשלאָבעס“, װאָס האָבן געגאַרט נאָך די פּאָר שעה שלאָף אויפֿן שטרויזאַק, און — דער מאָגערער, שװאַרצער בחור, װאָס האָט די זעלבע פּאָר שעה געװאָלט געװינען צום פֿאַרטיפֿן זיך אין ספּינאָזאַס „עטיק“. און אַזוי גיך דער שװאַרצער בחור איז אַרויס, צוזאַמען מיט די זשלאָבעס, האָט אַ הילך געטאָן, װי אַ קאַנאָנען־שאָס, דאָס געלעכטער פֿון דער קאָמפּאַניע. אָבער קיין אַנדערע צײַט צו לייענען די „עטיק“ איז נישט געװען און לייענען האָט מען געמוזט, געמוזט.

דעמאָלט זענען אויך געשריבן געװאָרן די ערשטע ספּינאָזאַ־לידער.

די צײַט איז געגאַנגען. דאָס פֿעלדהויביצן־רעגימענט איז אַװעק אין פֿעלד, דער ספּינאָזאַ־לייענער האָט באַלד געהאַט אַן איבערגעפֿאָרענעם פֿוס, טאַקע מיט אַ ראָד פֿון אַ פֿעלדהויביץ, ער איז צוריק טראַנספֿערירט געװאָרן צו זײַן פֿריִערדיקן רעגימענט פֿון פֿוסגייער און האָט לאַנגע חדשים געװײַלט אין אַ רעקאָנװאַלעסצענטן־הײם. זײַן רעגימענט איז איצט סטאַציאָנירט געװען אין דער אונגאַרישער שטאָט פֿון אָן אַ שיעור קלויסטערס קאַטױלישע — סאָמבאַטײ, אין דײַטש: שטײַנאַמאַנגער. ער האָט געאַרבעט צײַטװײַליק אין אַ קאַנצעלאַריע פֿון רעגימענט. צװעלף שעה טעגלעך. די עטיק האָט ער שוין לאַנג געהאַט געלייענט און אויך די איבעריקע װערק ספּינאָזאַס, און ער איז געװען פֿאַרקאָכט אין אַ לידער־סעריע — ספּינאָזאַ. אומעטום איז געװען טומל. אין ערגעץ נישט אַ שטיל װינקל. און דאָס שרײַבן די ספּינאָזאַ־לידער האָט געפֿאָדערט אַבסאָלוטע רו און קאָנצענטראַציע. איך האָב מיך די עטלעכע פֿרײַע שעה אין די אָװנטן אַרומגעשלעפּט איבער דער טיף קאַטױלישער שטאָט און געזוכט אַ װינקל. און אָט האָב איך אַנטדעקט, אַז די קאַטױלישע קלויסטערס זענען אַלע מאָל אָפֿן. און אַזוי װי זיי זענען געװען אומצאָל אין שטאָט — זענען זיי אויך היפּשלעך ליידיק. און אויך היפּשלעך טונקל. בין איך אַרײַן. אַנידערגעקניט — און אַנטדעקט, אַז יעדע „שטאָט“ אין די קלויסטערס האָט אַ קליין שטענדערל און מען קען אויף אָט אַזאַ שטענדערל שטילערהייט שרײַבן. און אַזוי האָב איך פֿון יענעם טאָג אָן טעגלעך געקניט אַ שעה צװיי, אַ ביסל פֿאַר זיך געפּרעפּלט, אַז מען האָט געקוקט אויף מיר; און, אַז דער קלויסטער איז געװען ליידיק, האָב איך געשריבן. איין מאָל האָט מיך אַ שטילער אַסקעטישער גלח בײַ אָט דער מלאָכה געזען און איז צוגעגאַנגען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שרײַב תּפֿילות פֿאַר זיך אַליין און איך האָב אים אַפֿילו געזאָגט, אַז איך שרײַב זיי אויף מײַן שפּראַך, אויף ייִדיש, װײַל איך בין אַ ייִד. ער האָט מיך טאָלערירט און האָט מיר אַפֿילו געהאָלפֿן צו געפֿינען אַ בעסערן, ליכטיקערן פּלאַץ.

און אַזוי זענען די קלויסטער־שטימונגען פֿון סאָמבאַטײ, דאָס גלאָקן־קלינגען אין די פֿאַרנאַכטן, די װינטער־נאָכמיטאָג־זון, אַרײַן אין די ספּינאָזאַ־לידער. און עס זענען אויך אַרײַן די פּנימער פֿון די לונגענקראַנקע פֿון שפּיטאָל פֿון מײַן רעגימענט... ספּינאָזאַ איז דאָך אויך געװען אַ לונגענקראַנקער.

מיט נאָוועמבער 1918 איז איַינגעפֿאַלן די אייראָפּעיִשע קאָנסטעלאַציע פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויפֿן האָריזאָנט איז אויפֿגעגאַנגען דער פֿאַרטאָגיקער שטערן פֿון די האָפֿענונגען פֿון דער מידער וועלט אויף דעם אייביקן ווידערקומענדיקן משיח, וואָס זיַין נאָמען איז רעוואָלוציע... און אין אַזאַ פֿרימאָרגן איז טאַקע אין אַ פֿאַרטאָג, טאַקע ביַי אַ ליכט פֿון אַ מאָרגן־שטערן, געקומען אַהיים אַ דעמאָביליזירטער סאָלדאַט און אין זיַין רוקזאַק אַ פּאָעמע מיט דעם נאָמען „ספּינאָזאַ“ — געשריבן פֿאַרן פּריַיז פֿון אומצאָליקע שעהען מיסט רייניקן אין אַ קראָקעווער קאַזאַרמע און אומצאָליקע שעהען פֿון קניִען אין אַ סאָמבאַטייער קאַטוילישן קלויסטער.